

# אייער בעיבי דארף א דיאגנאסטישע הערן טעסט

**אייער בעיבי האט אן אפוינטמענט פאר א דיאגנאסטישע הערן טעסט:**

אייער בעיבי'ס נאמען_______________________________

אויער דאקטער'ס נאמען_______________________________

אויער דאקטער'ס טעלעפאן נומער _______________________________

אויער דאקטער'ס אימעיל_______________________________

אפוינטמענט דאטום_______________________________

אפוינטמענט צייט _______________________________

ביטע רופט די אודיאלאג - אויערן דאקטער - א הערן קעיר ספעציאליסט - אויב איר דארפט רוקן אייער אפוינטמענט צו אן אנדערע צייט. אייער בעיבי זאל באקומען די טעסט ווען ער ווערט *3 מאנאטן* אלט.

## קומענדיגע שריט

- ברענגט אייער בעיבי צו די אפוינטמענט וואס איז אנגעצייכנט אויבן.
- דורכאויס די הערן סקרינינג, וועט אן אויערן דאקטער נוצן געצייגן אונטערצוזוכן אייער בעיבי'ס הער-קראפט. די טעסט וועט נישט וויי טון אייער בעיבי.
- ווי שנעלער הער-קראפט פארלוסט ווערט אידענטיפיצירט, אלס שנעלער קען אייער בעיבי באקומען די סערוויסעס זיך אויסצולערנען קאמיוניקאציע פעאיגקייטן אזוווי רעדן און שפראך.

## פארוואס איז קאמיוניקאציע וויכטיג?

- עס איז די בעסטע אז אייער בעיבי זאל קענען קאמיוניקירן די פריעסטע וואס מעגליך. די טעסט וועט אידענטיפיצירן וועלכע סארט הער-קראפט פארלוסט אייער קינד האט און די לעוועל פון הער-קראפט פארלוסט.
- אויב אייער בעיבי האט הער-קראפט פארלוסט, וועט די דיאגנאסטישע טעסט אייך העלפן און העלפן אייער בעיבי'ס אויער דאקטער אדער העלט קעיר פראוויידער אויסוועלן אן אופן וויאזוי אייער בעיבי זאל קאמיוניקירן. די בעסטע אופן וויאזוי אייער בעיבי זאל קאמיוניקירן איז א מעטאד וואס ארבעט די בעסטע פאר אייער בעיבי און אייער פאמיליע. די בעסטע אויסוואל פאר אייער קינד קען זיין צו קאמיוניקירן דורך צייכן שפראך, רעדן, אדער ביידע.
- עלטערן און קעירגעבער זענען די וויכטיגסטע מענטשן וואס קענען העלפן א בעיבי זיך אויסלערנען צו קאמיוניקירן.
- קאמיוניקאציע זאל גיין ביידע וועגן: פון אייך צו אייער בעיבי און פון אייער בעיבי צו אייך.
- אייער בעיבי הייבט אן אנטוויקלען שפראך פעאיגקייטן ביים געבורט. שפראך איז די שליסל זיך אלעס אויסצולערנען, און הערן איז זייער וויכטיג כדי צו קענען לערנען.

## וואס איז הער-קראפט פארלוסט?

- הער-קראפט פארלוסט איז סיי וועלכע פראבלעם וואס אפעקטירט וויאזוי אייער בעיבי אנערקענט א קול. עס קען זיין:
  - > פערמענאנט אדער צייטווייליג
  - > מילד, מעסיג, ערנסט, אדער גאר ערנסט
- אויב דיאגנאסטישע טעסטינג באשטעטיגט אז אייער בעיבי האט הער-קראפט פארלוסט, וועט עס אויך לאזן וויסן פאר אייער בעיבי'ס העלט קעיר פראוויידער אדער אויערן דאקטער וועלכע סארט און וועלכע לעוועל הער-קראפט פארלוסט ס'איז.

פאר מער אינפארמאציע: **health.ny.gov/EHDI**

NEW YORK STATE | Department of Health